לענדער האָבן זיך געטראָפן אויף אַ געמיינזאַמען באָדען.

אין אַלגעמיין דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז דער איצטיקער סימפּאָזיום האָט ווי תמיד דערפילט אַ גאָר וויכטיק שליחות. פאַר אַלעמען דאַרף גענומען ווערן אין אַכט דער געזעלשאַפטלעכער אַספּעקט פון אַזאַ סימפּאָזיום, עס ווערט געגעבן אַ געלעגנהייט שרייבער, זשורנאַליסטן און קולטור־מענטשן צו פאַרברענגען צוזאַמען, אָפּצונעמען באַריכטן פון דעם מצב פון יידישער קולטור אין באַזונדערע לענדער און שאַפן אַ קאָנטאַקט צווישן די פאַרשידענע ישובים. אַזאַ דערשיינונג איז אין יידישן סעקטאָר אַ זעלטנהייט.

גאַנץ באַזונדער דינט אַזאַ סימפּאָזיום, און דאַרף אויך דינען אויף להבא, ווי אַ בריק צווישן די צוויי יידישע וועלטן, צווישן מערב און לענדער פון מזרח אייראָפּע. און עס איז גוט געשען, וואָס אויף דעם סימפּאָזיום איז געוואָרן אַ געלעגנהייט אויסצוהערן צוויי אינטערעסאַנטע רעפעראַטן פון ד״ר ה. סלאָוועס אויף דער טעמע „יידן און וועלט אין דער היינטיקער צייט“ און פון אברהם בערן אויף דער טעמע „דער הומאַניזם פון די לינקע אינטעלעקטואַלן און די יידישע פּראָבלעמען“.

אודאי האָט אַ גרויסער טייל פון די באַטייליקטע נישט געקאָנט מסכים זיין מיט די אויספירונגען פון די צוויי רעדנער, בפרט האָט זיך געפילט אַ געגנערשאַפט צו די היסטאָרישע הנחות פון דעם באַגאַבטן ד״ר סלאָוועס, אָבער וויכטיק איז, דוכט זיך, געווען צו געבן אַ פּלאַטפאָרם פון אַלגעמיין יידישן כאַראַקטער פאַר פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ וואָגיקן באַדייט פאַר דער היינטיקער יידישער אינטעליגענץ, וואָס געפינט זיך על פרשת דרכים.

מיר האָבן וואָס אָן אמת ביז היינט צו טאָג נישט באַוויזן צו זען אויף אונדזערע סימפּאָזיומס אָפיציעלע דעלעגאַטן פון די לענדער פון מזרח אייראָפּע. מיר האָפן און מיר זיינען זיכער, אַז מיט דער צייט וועט דאָס זיכער געשען. אָבער נישט אָפיציעל האָבן זיך גראַד אין דעם לעצטן סימפּאָזיום באַטייליקט אַ ריי געסט פון פּוילן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אינטערעס צו דער אָפּגעהאַלטענעם סימפּאָזיום. אייניקע פון פּוילן האָבן זיך אָנגענומען באַטייליקט און אַן אָפּקלאַנג פון זייער אינטערעס האָט מען געקענט פעסטשטעלן פון גרוסן, וואָס מיר האָבן שפּעטער אָפּגענומען פון פּוילן.

עס וויל זיך באַזונדער דערמאָנען וועגן דער ספּעציעלער סעסיע, וואָס איז געווען געווידמעט דר יידישער יוגנט. עס איז גוט געווען, וואָס עס איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט דער שטודירנדער יוגנט פון פאַרשידענע קרייזן צו ברענגען אַרויס עפנטלעך זייערע פּראָבלעמען און בעיקר, וואָס זיי טראַכטן און בכלל זייער צוגאַנג צו דער פראַגע פון מדינת ישראל.

אָן ספק וואָלט בעסער געווען צו האָבן וויניקער רעפעראַטן און לענגער זיך קאָנצענטרירן אויף די וויכטיקסטע טעמעס פון סימפּאָזיום, אויספירלעכער דיסקוטירן די הנחות פון באַזונדערע רעדנער, אָבער בדרך כלל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער לעצטער סימפּאָזיום איז געווען באמת אַ היסטאָריש געשעעניש, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אינטערעסאַנטן אינהאַלט און, ווי געזאָגט, וועט זיכער דינען ווי אַ בריק און פּלאַטפאָרם צווישן פאַרשידענע יידישע קולטור־צענטערס אין אייראָפּע.

מ. ז.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור. טעאַטער. קונסט און קולטור

נומער 5־6 (העפט 449־50) דרייסיקטע יאָר מאַי־יוני 1969, לאָנדאָן

א י נ ה אַ ל ט :

| | | |
|---|---|---|
| ערב יום־העצמאות, קבלת־התורה, 1969 | ** | 3 |
| לכבוד יידישע אויפשטענדלער | יעקב ריכטיגער | 7 |
| האַנס הערצל (ליד) | יוסף לעפּטוויטש | 10 |
| דער אורח (פּאָעמא) | אריה שמרי | 12 |
| מיינע צוויי חדשים אין ישראל | דוד בערמאַן | 13 |
| צו דער גאָלדענער חתונה (ליד) | י. ל. פּיין | 15 |
| מיין אסתרל (ליד) | שמואל וההיט | 16 |
| נישט דערפאַרן, אלדד הדני (פּראָזע און ליד) | א. נ. שטענצל | 16 |
| ישראל 21 יאָר (ליד) | עלא זילבערג | 24 |
| צום זכרון פון שמואל יעקב האַרענדאָרף | מאיר גערטנער | |

רעדאַקציע־נאָטיץ: מיר בעטן אונזערע לייענער זיי זאָלן זיך אַבאָנירן וואָרים דער פאַרקויף מיטגליד ווערט אַלץ שווערער בפרט אין די ווינטער.

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאַכמיטאַגס

(בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 הענריקעס סט., א.1. 3 אַזייגער)

שבת דעם 14טן יוני — אַ רעפעראַט פון סעם לעוו

שבת, דעם 21סטן, לייענען א. מ. קייזערס הומאָרעסקעס לכבוד דער יאָרצייט פונם שרייבער.

שבת, דעם 28סטן, שמריס באַזוך אין לאָנדאָן רעציטירן פון זיינע ביכער.

שבת, דעם 5טן יולי, דאָס יידישע פאָלקס־ליד: סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד, איצט צוריקגעקומען פון ניו־יאָרק.

שבת, דעם 12טן לכבוד אַש׳ס 13טער יאָרצייט לייענען פון אַש׳ס ווערק —נעט רובין, אייזיק גאָלדבערג, און מאיר באָגדאַנסקי.

שבת, דעם 19טן — הערצל־ און ביאַליק־שבת, רעדנער ח. בענקאָוויטש.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פּרייז 2 שילינג**

אבאָנעמענט־פּרייז:—26 שילינג פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר א יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

# לשון און לעבן

חודש זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 6־5 (העפט 50־449) דרייסיקסטע יאָר מאַי־יוני 1969, לאָנדאָן


## ערב יום־העצמאות 1969

אין בלויען טלית הילט זיך די שטאָט,
אַ ווייס וואָלקנדל פלאַטערט פרום;
אַלע שטיל־האָרכנדיקע הערצער,
אַ פאָרכטיקייט נעמט אַרום.

אויפן הימל זעצט זיך רויט די זון —
אַ מאַמע אירע בענטש־ליכט צינדט;
איין און צוואַנציק יאָר ר׳איז אַלט געווען,
איר זון, איר איין און איינציק קינד.

עס שמעלצן די ליכט און לעשן זיך,
ס׳קאַפּן די טרערן אָן אויפהער;
אָבער מיטאַמאָל בלייבט זי שטיין שטיל,
אין קעל בלייבט איר שטעקן אַ טרער.

און הער, איר זון נעמט רעדן צו איר:
„מאַמע מיין, ביזט דו דען אַליין?
זע פון אַזויפיל פענסטער אַרויס,
פינקלט אַזאַ ליכטיק געוויין.

„ווי אברהם די שטערן, גאָט אַצינד,
די פונקלדיקע טרערן ציילט:
׳האָב איך דיך דען נישט מיין פאָלק ישראל,
איין־נ׳איינצנדיק קינד, דיך אויסגעוויילט׳?“

עפנט די מאַמע די אויגן אויף,
זע, איר שטיבל איז פול מיט ליכט:
אַז דו אַליין קומען מיך טרייסטן,
קינד מיינס, אויף דעם קוים מיך געריכט —

און פול ווערט איר שטיבל מיט געזאַנג,
פון די גאַסן שטראָמט עס אַריין:
ירושלים באַפרייט, דערלייזט,
וואָסער פרייד קאָן נאָך גרעסער זיין.



## צום זכרון פון שמואל־יעקב האַרענדאָרף — דאָרפזאָן



שמואל־יעקב האַרענדאָרף איז נפטר געוואָרן אין לאָנדאָן דעם פאַרגאַנגענעם חודש אין עלטער פון 69 יאָר. ער איז געבוירן געוואָרן אין פוילן. ווי אַ שרייבער און זשורנאַליסט איז ער געווען אַ מיט־אַרבייטער פון „מאָמענט“. דערנאָך איז האַרענדאָרף געגאַנגען קיין טשעכאָטשעכאָסלאָוואַקיי. דאָרט, אין מונקאַטש — אין דעם דעמאָלטיקן מונקאַטש, פול מיט יידיש לעבן און מיט יידישער קולטור — האָט ער אַרויסגעגעבן אַ יידישע צייטונג. אין מונקאַטש האָט ער אַנדעקט די סלאָוואַקישע קולטור־אינדזל פון אַ מין זאַפטיקער יידישקייט וואָס ס׳איז געווען נישט אַזוי באַקאַנט אין דער יידישער וועלט.

האַרענדאָרף איז געווען באַהאַוונט אין מסכתאס טעאַטער. ווען ער איז פון סלאָוואַקיי געקומען קיין לאָנדאָן האָט ער געשריבן אַ זייער דערפאָלגרייכע פּיעסע „דער קעניג פון לאַמפּאַדוזע“ וואָס איז געשפּילט געוואָרן 600 מאָל אין לאָנדאָן אַליין. דאָס שפּיל איז איבערגעזעצט געוואָרן אין מערערע לשונות, אויך אין עברית; און מען האָט דאָס מיט הצלחה געשפּילט אין ארץ־ישראל. געווען אין לאָנדאָן רעדאַקטאָר פון דעם טעאַטער זשורנאַל. אויך אַרויסגעגעבן אַ נייעס בוליעטין אין יידיש „איוונא“.

אַ יידישער איד — דאָס מין יידן שטאַרבן אויס. יידן וואָס האָבן אין זייער לעבן, אין זייער דערלעבעניש און אין זייער לעבעדיקער יידישקייט פאַראייניקט פוילן, סלאָוואַקיי און ענגלאַנד — אַלע דריי ווינקלען פון יידיש און יידישקייט — הערן אויף צו עקסיסטירן. מען פאַרגעסט. די עלטערע דורות פאַרשווינדן און די יינגערע דורות פאַרגעסן.

שמואל־יעקב האַרענדאָרף, וואָס האָט געשריבן מיטן פּען־נאָמען דאָרפזאָן, איז ביז פום לעצטן אָטעם פון זיין לעבן געווען אַן עבד־־נאָמן פון יידיש. ער איז געווען געטריי און פאַראינטערעסירט אין אַלעם וואָס האָט אַ שייכות מיט יידיש לשון און מיט יידיש לעבן. שטיל, בצניעות, נישט בקולי־קולות האָט ער געזאָגט זיין דעה אין קאָמיטעטן וואו ער איז געווען אַ מיטגליד — ביז ער איז אַוועקגעגאַנגען. זיין בוך „טעאַטער קאַראַוואַן“ איז אַן „איניקום“ אין דער יידישער ליטעראַטור.

צום אָנדענקן פון דעם מין יידישן איד, צום אָנדענקן פון דעם מין יידישער קולטורלעלער וויטאַליטעט און איבערגעבענקייט לאָמיר שטעלן אַ בכבודיקע מצבה פאַר שמואל־יעקב האַרענדאָרף.

מ א י ר  ג ע ר ט נ ע ר .

## „על ראש שמחתי“

וואָס איז דער נס גדול פון די „זעקס טעג“ ?
די זעקס מיליאָן נישט צו פאַרגעסן !
קאָן ווער די מיתות משינות פאַרשטיין,
פונקט אַזוי די גבורה־מעת־לעתן.

יום־טובדיק ברענען די „ששה־נרות“,
פולע שילן הלל צעזונגען — —
אין די זעקס מיליאָן די ליכט דערמאָנען,
נישט בלויז אַז גרויס דער זיג געלונגען.

ווער קאָן דערפילן ס׳האַרץ פון אַ מאַמען,
איר זון אין די זעקס טעג פאַרלוירן ?
די זעקס מיליאָן זקנים עם נערים,
ווער זיי באַוויינען און באַטרוירן ?

ס׳איז די כותל־מערבי פיעדעסטאַל,
אַ געהייליקט לאַנד אויפצושטעלן —
אַ קדושים־קרבנות־מאָנומענט :
„קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיר ווען“.

* * *

„מי זאת עולה מן המדבר כתמרות עשן“,
מיט גאַז־ריח־נחוח׳ן און קרעמאַטאָריע רויכן,
איבער כותל געטאָ־ווענט, מויערן איבער מויערן,
של־מעלהדיק דערהויבן און הויך צו דערהויכן ?

זע געטאָ־קדושים און הייליקע העלדן,
שטייען פאַר ירושלים׳ס אָפענע טויערן,
אַז קיינמאָל שוין די מענטשן איינער דורך אַנדערן,
נישט ליידן מער וועט, נישט וויינען און נישט טרויערן.

## א יידישער סאלדאט

אַ פליט פון געטאָ, פון אויסשוויץ,
שוין אַ געציילטער אין גאַז־קאַמער צו גיין,
זיין אייגן לאַנד צו באַשיצן איצט,
אַ סאָלדאַט ביי אַ מאַשין־געווער צו שטיין ?

ווער אַזוינס געקענט גלייבן, טראַכטן,
מיט מענטשלעכן שכל משיג זיין, פאַרשטיין !
נסים ? ווונדער ? אותות ומופתים ?
קאָן נאָך ווונדערלעכעס פון אַזוינס דען זיין ? !



שטייט ער אַזוי געשפּיצט, אָנגעצילט,
אָנגעגורט אין כלי־זיין ביז צו די ציין ;
די אויגן לויערן אויף שונא,
און טיף אין אים אַן איינגעהאַלטן געוויין :

אַז ווען שוין וועלן דעם נביא׳ס רייד,
מקוים ווערן און אמתדיק שוין זיין,
„פון דער שווערט אַן אַקער־אייזן ווערט“ — —
אַז נסים געשען, דער באַווייז איך אַליין.

אַ ליט פון געטאָ, פון אויסשוויץ,
שוין אַ געציילטער אין גאַז־קאַמער צו גיין ;
איז אויף דעם כ׳בין לעבן געבליבן,
אַז אַ צווייטער פון מיין האַנט פאַלט ? בעסער אַליין — — —

און פלוצלינג אַזאַ פרייד צעשטראַלטער,
אין זיין אַהין און אַהער־מאַרש ער בלייבט שטיין :
געמוזט מסתם קריגן דאָס געווער,
פון וואָס ס׳אַקער־אייזן צו מאַכן ס׳זאָל זיין.

## קבלת-התורה 1969

דעמלט ביי קבלת־התורה,
ווען מיר זיינען אונטערן סיני געשטאַנען :
„וועט איר זי מקבל זיין איז גוט,
אויב נישט גייט איר נישט לעבעדיקע פונדאַנען“.

איין אומה וויניקער, איינע מער,
די מענטשהייט ווי געוועזן אַזוי געבליבן ;
„יודן־ריין“ גאַנצע וועלט געוועזן, און —
קיין תורה אויף שבעים לשונות געשריבן.

יעצט קענען זי שוין אַלע פעלקער !
הענגט איבער אַלעמענס קעפּ — איין אַטאָם באָמבע :
וועט איר די תורה האַלטן איז גוט,
באם לאו, גאַנצער ערד־קייל איין קאַטאַמקאָמבע.

## וואריאציע

„עושה שלום במרומיו — — “ פון קדיש

וואָס געוואָרן פון הייפעלע ערד,
וואָס גאָט האָט געטון טאָן דעם בן־אדם מאַכן ?
רציחה־מאָרד און גבורים־טויט —
אַ שאָפן מאַרש, אַ מתים־רעקוויעם פון באַכן.

אויב זיין נאָמען גאָט לאָזט אָפּמעקן,
כדי צווישן איין מאַן־און־ווייב שלום צו מאַכן,
אַז קריג קיינמאָל נישט אויפהערט, וואָס שוין,
ווען ווי פוילע נוס צעקנאַקט, ערד־קייל צעקראַכן?

תמיד רק וואָס ער וויל דער שטאַרקער,
אַלץ און אַלצדינג קאָן ער טון טאָן מיטן שוואַכן — —
„כאל מלא רחמים״ נאָך אונז אַלע,
גאָט אין הימל אויבן שוין לאָזן מאַכן.

און דורך אַלע וועלטן קייקלט זיך,
אַזאַ דונערדיק צעבליצט שטנדיק לאַכן:
ס׳האָט זיך דיר פאַרגלוסט אַ מענטשעלע,
„בצלמנו״ פון אַ הייפעלע ערד צו מאַכן.

## דאס הונדערסטע לעניו געבוירן־יאר

שאַרף־געשפּיצטער קלין געשטעקט אין ערד־קייל,
אויפגעהויבענער האַמער אים צו שפּאַלטן;
דער בלאַנק־געדינטער שערפ, אין דער צווייטער,
מיט אַ ברכה אים צוזאַמען צו האַלטן.

דאָס האַרץ ווי עס צאַפּלט, ווי עס ציטערט,
דער שטערן פון גרויס שרעק פאַלט אין אין פאַלטן:
מיט פויסט געבאַלטן נישט נאָר אַ מענטשן,
גאַנצע ערד מ׳קאָן שענדן און פאַרגעוואַלטן.

בלויז קיין שום בייזער כוח, קיין שום גוטער,
דאָס געיעג פונם ערד־קייל קאָן אָפּהאַלטן;
ס׳איבערשרייען איינער דעם אַנדערן,
פרייד־געזאַנגען און יללה־געוואַלטן:

— „נישט נאָר געדאַנק קריסטאַלן צעפונקלט —
ס׳פליט שאַרף געשפּיצט שוין אין הימל צעפּראַלטן!״
— „ווער ווייסט און וואָסער תהום צו פאַלן,
מיר רייסן זיך דאָס מיט כל־האַגעוואַלטן״.

בלויז צי קאָן מען דען דעם מענטש אַנדערש מאַכן,
ערשט ערד אַנדערש פאָרמען און געשטאַלטן?
ס׳מוז אָבער געשען שטעטס וואָס עס געשעט,
אפילו ווען אַלץ בלייבט תמיד ביים אַלטן —

שאַרף־געשפּיצטער קלין געשטעקט אין ערד־קייל,
דער האַמער אויפגעהויבן אים צו שפּאַלטן;
האַרץ אָבער פעסטע פויסט צונויפגעבאַלט,
און דער קלין אַקס ווערט, ווייטער אויסצוהאַלטן.





## לכבוד יידישע אויפשטענדלער

י. ל. פרץ האָט געלעבט אין ווארשע בעת דער רעוואָלוציע קעגן רוסישע צאַריזם. ער האָט געזען יידישע יינגלעך און מיידלעך זענען מקריב זייער לעבן פאַר דער באַפרייאונג פון די רוסישע האַראַפּאַשניקעס פון עקספּלואַטאַציע. אָבער אַנשטאָט די עקספּלואַטירטע זאָלן פאַרנעמען דעם אַוואַנגאַרד אין קאַמף פאַר זייער אייגענער באַפרייאונג, האָבן זיי זיך געלאָזט אנרעדן פון דער רוסישער פינסטערער שוואַרצער מאה צו פּאָגראָמירן יידישע הייזער, שענדן יידישע הייליקטומער און מאָרדן די יידישע איינווינער פון דאָרף און שטאָדט.

ווען דאָס רוסישע פאָלק האָט אין יאָר 1905 אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן נצחון איבער דעם זעלבסטהערשונג רעזשים פון צאַר ניקאָליי, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק מיט דער דערלויבעניש אויסצווילן אַ דומע אָדער פּאַרלאַמענט, איז י. ל. פרץ אומרואיק געוואָרן. אין אַן עסיי „האָפנונג און שרעק״ דעמאָלט אָנגעשריבן, האָט ער געזאָגט צו דער יידישער יוגענט — „איך שרעק מיך פאַר באַצווונגענע, וואָס זיגן, עס קען פון זיי באַצווינגער ווערן. איר רייסט אײַן די מויערן פון אַלטן סדום; מיין האַרץ ציטערט דערביי, מען זאָל אויף זיינע חורבות נישט בויען אַן ערגערן, אַ מער קעלטערן און פינסטערן״ . . .

די פּעסימיסטישע וויזיע פון י. ל. פרץ, אַז די באַפרייטע קאָנען ווערן ברוטאַלערע באַצווינגער, ווי זייערע זענען געווען, האָט זיך צום באַדויערן שוין איצט, קוים עטלעכע זעכציק יאָר שפּעטער, אַרויסגעוויזן צו זיין אַ רעאַליטעט. די צוויי גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, די קאָמוניסטישע, וואָס האָט צעשטערט די פעסטונג פון רוסישע עקספּלואַטאַציע, און די אַפּראָזיאַטישע, וואָס האָט איינגעבראָכן די מויערן פון ווייסן קאָלאָניאַליזם, האָבן ניט אַליין אויף די חורבות פון די אַלטע זעלבסטהערשנדיקע־אימפּעריעס אויפגעבויעט נייע דיקטאַטאָרישע רעזשימען, נאָר זייערע פּאָליטישע מערדערייען זענען אכזריותדיקער און זייערע קאָנצענטראַציע לאַגערס זענען באַרבאַרישער, ווי פון די אַמאָליקע באַצווינגער.

די יידישע דענקער האָבן שוין מיט טויזנטער יאָר צוריק ניט געהאַט דעם מינדסטן ספק וועגן אַרויסקום פון באַפרייונגס־רעוואָלוציעס. דער מאָראַליסט פון משלי האָט אין זיינע אַפאָריזמען געזאָגט: אַז איינע פון די וועלט געשעענישן, וואָס אונטער זיי ווערט אַ לאַנד אויפגעהעצט, איז „עבד כי ימלוך״ —אויב אַ קנעכט ווערט קעניג. (משלי ל׳). דער מאָטיוו פון מאָראַליסטס אָנווייזונג איז ניט געווען, ווייל ער האָט געהאַלטן מען זאָל ניט רעוואָלטירן קעגן אויסנוצונג און פאַריאָכונג פון אַרבעטער, נאָר ער האָט געוואָרענט פאַר די רעזולטאַטן:

אַזוי ווי דאָס איינציקע וואָס אַ שקלאַף לערנט פון זיין אייגענער איבערלעבונג אין שקלאַפעריי, וועט ער נאַטירלעך זיינע געגנער איינשפּאַנען

אין צוואַנגס־אַרבעטער ברוטאַלער ווי ער איז באַהאַנדעלט געוואָרן פון זיינע באַצווינגער, וואָס וועט אויפרייצן די איינוווינער פון זיין לאַנד און פירן צו נייע רעוואָלוציעס, בלוטיקע מהומות מיט קרבנות פון אומשולדיקע מענטשן.

עס איז קיין ספק ניט אַז די באַוווסטזיניקייט, וועגן דער אויפפירונג פון באַפרייטע שקלאַפן, האָט משפיע געווען אויף דער מחבר פון תורת משה ער זאָל געברויכן דעם ענין פון שעבוד מצרים צו ציוויליזירן די בני ישראל, ווי איך האָב שוין אַמאָל אין רעפעראַט אויפן עונג שבת פון „לשון און לעבן“, אָנגעוויזן האָט תורת משה באַנוצט די פאַרקנעכטונג פון די בני ישראל אין מצרים צו פאַרמיאוסן אין זייערע אויגן יעדן אופן פון אַ „בית עבדים“: פאַרקנעכטונג־סיסטעם, צי צוליב מאַטעריעלע אינטערעסן אָדער כדי אָפּורייסן פרעמדע פון זייער טראַדיציאָנאַלן דענקן און לעבנס־שטייגער.

נאָך מער, כדי צו דערהייבן די בני ישראל אויף אַ העכערע מדרגה פון סאָציאַלישקייט האָט תורת משה ניט אַליין פאַרבאָטן יעדע מאַניפולאַציע פון צוואַנג אָדער אפילו אנלאקונג, נאָר זי האָט באַפוילן צו באַהאַנדלען מיט רחמנות און ליבע יעדן פרעמדן וואָס וועט וווינען אין זייער לאַנד. ניט אַליין דעם גוי פון אַ גוט פאָלק, וואָס האָט זיי באַהאַנדעלט מענטשלעך בעת זיי זענען געווען אין גלות, נאָר אויך אפילו אַ מצרי. תורת משה האָט געזאָגט — „לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו“: זאָלסט ניט באַליידיקן אָדער פאַראומווערדיקן אַ מצרי, ווייל דו האָסט אַמאָל געוווינט אין זיין לאַנד. (דברים כ״ג).

מערקווירדיק איז, וואָס מאַנכע יידישע אויפשטענדלער קעגן עקספּלואַטאַציע און פאַרשקלאַפונג, כאָטש זיי זענען ניט געווען קיין איבערגעגעבענע סטודענטן פון תנ״ך, האָבן געהאט אַ אינטואיציע אין איינשטימיקייט מיט דעם סאָציאַלן פרינציפּ פון תורת משה לגבי פרעמדן דענקן און לעבנסשטייגער. זיי האָבן איינגעזויגן מיט זייער מוטערס מילך אַ ווידערווילן קעגן באַצווינגער, וואָס טעראָריזירן מענטשן אַנשטאָט באַקעמפן שלעכטע אינסטיטוציעס. אין די אויגן פון די יידישע רעוואָרלוציאָנערן איז אַ דיקטאַטורישע באַצווינגונג ניט בעסער ווי אַן אימפּעריאַליסטישע.

די יידיש־דייטשע רעוואָלוציאָנערקע ראָזע לוקסעמבורג איז געווען איינע פון זיי. אין איר בוך „די רוסישע רעוואָלוציע“ שרייבט זי — „געוויס האָט יעדע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע אירע גרעניצן און איר חסרונות, ווי בכלל אַלע מענטשלעכע איינריכטונגען. אָבער די רפואה, וועלכע לענין און טראָצקי האָבן ערפונדן קעגן דעם; די אָפּשאַפונג פון דעמאָקראַציע אַלס אַזעלכע, איז ערגער ווי די קראַנקייט גופא, וועלכע זי דאַרף אויסהיילן, ווייל זי שטעלט אָפּ דעם לעבעדיקן קוואַל . . . דער קוואַל איז דער פרייער אַקטיווער און ענערגישער פּאָליטישער לעבן פון די סאַמע ברייטסטע פאָלקס מאַסן“.



וועגן באָלשעוויסטישער אכזריות — שרייבט ראָזע לוקסעמבורג, — „אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע נויטיקט זיך ניט אין טעראָר כדי צו פאַרווירקלעכן אירע צילן . . . מחמת זי קעמפט נישט קעגן מענטשן, זי קעמפט קעגן אינסטיטוציעס. אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז ניט אַ פאַרצווייגטער פאַרזוך פון אַ מינדערהייט מיט דער הילף פון געוואַלד־מיטלען איבערצובויען די וועלט לויט איר אידעאַל. אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז די אַקציע פון מיליאָנען פאָלקס־מאַסן וואָס זענען באַרופן צו פאַרווירקלעכן אַ היסטאָרישע מיסיע“ . . .

צום סוף פון בוך שרייבט ראָזע לוקסעמבורג, — „אָנע אַלגעמיינע וואַלן, אָנע אומבאַגרעניצטער פרייהייט פון דער פּרעסע און פון פאַרזאַמלונגען, אָנע קאַמף צווישן פאַרשידענע מיינונגען — מוז דאָס לעבן אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זיך אָפּשטעלן . . . עס הערשן און קאָמאַנדעווען נאָר אַ פּאָר צענדליק־ענערגישע פּאַרטיי פירער . . . און בלויז אַן אָפּגעקליבענער טייל פון אַרבעטער קלאַס ווערט איינגעלאַדן פון צייט־צו־צייט אויף פאַרזאַמלונגען צו אַפּלאָדירן די רעדעס פון די פירער . . . אויף אַזאַ אופן איז דאָס אין גרונד־גענומען די הערשאַפט פון אַ קליקע, ניט פון פּראָלעטאַריאַט, עס איז אומצווייפלהאַפט אַ דיקטאַטור פון אַ גרופּקע פּאָליטיקאַנער“. (פאָרווערטס 2־טן פעברואַר, 69. ד. שוב).

אויך די צווייטע גרויסע רעוואָלוציע אין אונזער צייט — די אויסגעלייזטע אַפראָזיאַטישע פעלקער פון ווייסן קאָלאָניאַליזם זענען אָנגעשטעקט מיט דער „עבד כי ימלוך“ פּסיכאָפּאַטיע. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט דיקטאַטאָרישע רעזשימען, וואָס פאַריאכן זייער אייגענע באַפעלקערונג מער ווי די אַמאָליקע אימפּעריאַליסטישע, דיאַלאָג פון וואָרט און שריפט ווערט אונטערדריקט, מאָרד פון פּאָליטישע געגנער אָדער פאַרפייניקן זיי אין קאָנצענטראַציע לאַגערס איז זייער רעגירונגס סיסטעם. די אַפראָזיאַטישע פירער זענען פרימיטיווער ווי די באָלשעוויסטישע אָבער די טרייב־קראַפט איז די זעלבע — אָנצוהאַלטן זייער העגעמאָניע איבער די פּאַרטיי, רעגירונג און באַפעלקערונג.

צווישן די אויסגעלייזטע פון ווייסן קאָלאָנאַליזם זענען די איצטיקע אַראַבישע לענדער. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט, אַזוי ווי די אַנדערע פון פאַריאָכונג באַפרייטע אַפראָזיאַטישע פעלקער, אַ דיקטאַטאָרישן רעזשים און אַ טיראַנישן רעגירונגס־סיסטעם: דיאַלאָג פון וואָרט און שריפט איז פאַרבאָטן, די געגנער ווערן דערהרגט אָדער פאַרפוילט אין קאָנטענטראַציע לאַגערס. די באַהויפּטונג פון די אַראַבישע פירער, אַז די באַצווינגונגס מעטאָד העלפט זיי פאַראייניקן אַלע איינוווינער אין קאַמף קעגן מדינת ישראל, איז אַ צוגעטראַכטע; די אָפּאָזיציע באַדעקט איר גיריקייט פאַר העגעמאָניע מיט דערזעלבער קאַמופלאַזש.

אין אמתן איז די רעוואָלוציע, אין קיין אַפראָאַזיאַטיש לאַנד, אויסגעבראָכן דורך אַן אינערליכן פאָלקס־דראַנג צו ווערן אויסגעלייזט פון ווייסן

קאַלאָניאַליזם, גראַד אַזוי ווי דער אויפשטאַנד אין צאַרישן רוסלאַנד איז ניט געקומען פון די האַרעפּאַשניקעס, נאָר אין יעדן לאַנד האָט אַ קליקע אַגיטאַטאָרן באַנוצט דעם פרייהייטס גייסט, וואָס יידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן מיט אַ וואָרט, פען און בלוט פאַרשפּרייט צווישן די עקספּלואַטירטע און פאַר־שקלאַפטע, צו פאַרכאַפּן די מאַכט פון די זעלבסטהערשער און אימפּעריאַליסטן און אָנהאַלטן איר מיט דער הילף פון דעספּאָטיזם, קאָרופּציע און ליגנערישע פּראָפּאַגאַנדע.

די פאַראייניקונג פון באָלשעוויזם און פון פאַנאַראַביזם מיטן נאַציזם אין אָנפאַנג פון דער צווייטער וועלט מלחמה איז געווען אַ לאָגישער פועל יוצא פון זייער אידענטישע אומסאָציאַלע אידעאָלאָגיע: אַלעס ווערט דיקטירט פון אַן אוזורפּאַטאָרישע מאַכט מיט דער הילף פון פּיסטאָל און בייטש אין די הענט פון אַ גרופּע דעמאָגאָגן. זייער געגנערשאַפט איז ניט קעגן די אינ־סטיטוציעס פון עקספּלואַטאַציע און פאַריאָכונג, זיי האָבן פּאַקטיש נויטיק די סדומישע אינסטיטוציעס צו פאַרניכטן די יידישע באַפעלקערונג, פון ווו די פאַרשפּרייטער פון דעמאָקראַטיע און מענטשלעכקייט קומען.

דעריבער זענען די יידישע געטאָ אויפשטענדלער קעגן נאַציזם ניט אונ־טערשטיצט געוואָרן פון די באַפרייטע און אויסגעלייזטע פעלקער, און די איצ־טיקע קאָמוניסטישע פירער אַזוי ווי די פון אַפראָזיאַטישע פעלקער העלפן דעם פאַנאַראַביזם מיט זיינע טעראָריסטן צו באַקעמפן די זעלבסטשטענדיקייט פון מדינת ישראל. זיי ציטערן פון דעם פרייהייטס־גייסט וואָס וועט זיך פאַרשפּרייטן איבער די וועלט פון ציון און דעם אויסלייזונגס־גייסט פון ירושלים.

יוסף לעפּטוויטש

## האַנס הערצל

בעסער פאַרגעסן, האָט איינער געזאָגט,
פאַרגעס אים, פאַרגעס זיין נאָמען.
ער האָט אַ גרויסן טאַטן פאַרמאָגט,
און געטון זיין נאָמען פאַרשעמען.
זיין לעבן איז געווען אַ טרויעריקער.
אַ קליין מענטשל איז ער געווען,
און ווייל ער האָט זיין גרויסן נאָמען געטראָגן,
האָט ער געמאַכט זיין פאָטער אויסזען קליין.
איצט איז ער געשטאָרבן — פאַרגעס אַז אַמאָל
איז אַזאַ מענטש אויף דער וועלט געווען.

אַזוי גרויסן מיר אונזערע גרויסע לייט,
און פאַרגעסן זייער זין.
אָבער איך בין געווען אַ נאָענטער פריינט,
און ער איז מיר געווען אַ מענטש פאַר זיך אַליין.



ער האָט ניט געקענט טראָגן די לאַסט
פון צו זיין זיין טאַטנס זין.
ליגט הערצל ווי אַ מלך אין יידישן לאַנד.
און זיין זון ווערט נישט מער דערמאָנט.




דער באַרימטער יידישער דיכטער אריה שמרי פון ישראל, אין באַגלייטונג פון זיין פרוי און טאָכטער, אויף אַ נסיעה איבער איראָפּע, איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן. מיר זאָגן דעם חשובן גאַסט און זיינע באַגלייטערינס אַ האַרציקן ברוכים הבאים.

דער פאָטאָ־כתב־יד איז די ערשטע סטראָפע פון אַ ליד אַרויסגענומען פון איציק מאַנגערס אַ געשריבענעם בריוו צו יוסף לעפּטוויטשן, ווו ער, מאַנגער, שרייבט איבער שמריס ליד אים געווידמעט. ד.ר.



איציק מאַנגער און אריה שמרי

א ר י ה   ש מ ר י

## דער אורח

(פון דער פּאָעמא „די פונקן פון תיקון")

דער אַלטער ציגיינער מיט דער פּעכיקער באָרד
בייגט הכנעהדיק איין זיין קודלעשן קאָפּ
און פרעגט:
האָסטו וואָס צו פאַרריכטן — אַ ראָנדל, אַ טאָפּ?

דערהייליקער ייד ענטפערט מיטן בליק:
פ אַ ר ר י כ ט ן — יאָ,
אַ שלל, אַן אַנטיק.
כ'האָב צו פאַרריכטן זייער אַ סך,
נאָר ניט דו מיט דיין צינק און דיין בליי
און דיין גאַנצן געמאַך.

אַ פרעג, אַן ענטפער און אַן עק.
דער אַלטער ציגיינער גייט סומנע אַוועק,
אויפן אַקסל דער ליידיקער זאַק,
און אַ קנייטש ווי אַ רעטעניש גליט
אויף דער מיט פון זיין קופּערנער באַק.

דער ייד קוקט אים נאָך זיינע טריט,
און פלוצעם —



שאַרף ווי אַ חלפישער שניט,
כאַפּט ער אויף און דערקענט מיט איין בליק:
דאָס איז ער,
וואָס פאַרריכט די וועלט מיט אַ טרער,
און ער רופט אים צוריק.

דער ציגיינער לייגט אַראָפּ דעם זאַק,
גיט אַ צוק מיטן קנייטש אויף דער באַק,
און ביידע שמייכלען:
זיך דערקענט.
ש ל ו ם! ש ל ו ם! — פאַרקניפּן זיך די הענט,
יאָ, יאָ, קיין פגמען פעלן ניט,
פאַרריכט! . . .

ביידע שטעלן זיך ביי דער טפנקעלער וואַנט
און זאָגן תיקון־חצות בייַנאַנד,
ווי ייד מיט ייד פאַר יידן אַ סך,
און אַ גאַנצע נאַכט זענען זיי וואַך

דווקא ער, דווקא ער מיט זיין גאַנצן געמאַך —
עס זילבערט און קלאָרט זיין פּעכיקע באָרד,
לויטער ווי שניי.

און ערשט אין פאַרטאָג גייט דער אורח אַוועק
צו זיינע ברידער, וואָס וואַרטן אויפן גרויסן וועג —
פינף און דרייסיק זענען זיי . . .

ד ו ד   ב ע ר מ אַ ן

## מיינע צוויי חדשים אין ישראל

אַ וואָך שפּעטער בין איך געווען אין תל־אביב אויף באַזוך.

רחוב אַלענבי איז אַ זער שיינע און אינטערעסאַנטע גאַס. מיך האָט זער אינטערעסירט די פאַרשידענע שוי־פענסטערס און אויך די מענטשן, וואָס האָבן אַרומשפּאַצירט אויף אָט דער באַרימטער גאַס. אַזוי האָב איך פאַרברענגט אייניקע טעג מיט קוקן אויף די הויפּט־גאַסן פון תל־אביב—יפו.

דערנאָך בין איך געפאָרן קיין מסדה, ביים ים־המלח. שוין די נסיעה אַליין איז געווען זער אינטערעסאַנט, ערשטנס די פּרעכטיקע דערפער, וואָס מען איז פאַרבייגעפאָרן און דאַן ווי דער שטח איז געוואָרן אַלץ זאַמדיקער און זאַמדיקער און באַרגיקער. אין באר־שבע האָבן מיר שוין באַגעגנט בעדואינען.

וואָס נענטער מיר זענען געקומען צום ים־המלח אַלץ הייסער איז די אַטמאָספערע געוואָרן. די ערד־אויבערפלאַך דאָ איז די נידעריקסטע אין

דער וועלט. באַלד האָבן מיר דערזעען מסדה, אַ הויכער באַרג אַרומגערינגלט פון אַ סאָרט לבנהדיק לאַנדשאַפט.

אַ פּלאַקאַט אויף אַ ברעט האָט געוואָרנט טוריסטן מיטצוברענגען פלאַשן וואַסער מיט זיך, אָבער איך האָב קיין וואַסער נישט געהאט מיט מיר ביים אַרויפקלעטערן אויפן באַרג. אין אָנהויב איז דאָס קלעטערן מיר אָנגעקומען גאַנץ לייכט, נאָר באַלד האָט עס אָנגעהויבן ווערן שווערער. כ׳בין געווען אַליין, און ווען איך האָב אַראָפּגעקוקט פונם באַרג, האָט עס מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. אַ הייסער ווינט האָט געבלאָזן. ס׳איז געווען איינס אַזייגער און מיך האָט גענומען דורשטן, און דאָ האָט דאָס קלעטערן גערדאַרפט דויערן אַן ערך אַ שעה.

קודם האָב איך געוואָלט גיין זעען דעם הענגענדיקן פּאַלאַץ פון מלך הורדס, וואָס באַשטייט פון דריי טיילן: דער אונטערשטער טייל מיט זיילען און פון וואַנען די יידישע חילות האָבן זיך געשפּייזט בעת זייער מלחמה קעגן דער העכסטער טייל מיטן פּאַלאַץ גופא. דערנעבן קאָן מען זעען דאָס רוימישע באַד־הויז, מיט צוויי הונדערט קליינע זיילן אונטערן פוסבאָדן אפן דערביי די פּראָוויאַנט־קאַמערן, וואָס האָבן געדינט אין אַ משך פון הונדערט יאָר און פון וואַנען די יידישע חילות האָבן זיך געשפּייזט בעת זייער מלחמה קעגן די רוימער כמעט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

צו באַוווּנדערן איז אויך געווען די וואַסער־רעזערוואוארן אויף מסדה. דער גרעסטער געביידע דאָרטן איז דער פּאַלאַץ אויף מערב־זייט, גאַנצע די גרעסטע געביידע דאָרטן איז דער פּאַלאַץ אויף מערב־זייט, גאַנצע זעקס און דרייסיק טויזנט קוואַדראַט פוס די גרויס און אין טראָן־זאַאַל געפינט זיך אַ וואונדערלעכע, קאָלירפולע מאָזאַאיק אויפן פוסבאָדן. די קאַזעמאַטן־וואַנט אַרום דער פעסטונג איז איבער טויזנט פיר הונדערט איילן די לענג און אַן ערך פינף איילן די ברייט. דאָרטן האָט מען געפונען פראַגמענטן פון מגילות, אַ מקווה און די עלסטע שול אין דער וועלט, איבער צוויי טויזנט יאָר אַלט. ניין הונדערט און זעכציק מענער, פרויען און קינדער האָבן דאָרט געקעמפט קעגן די רוימער פינף יאָר לאַנג, פון יאָר 68 ביזן יאָר 73.

דאָס לעבן אין אַ קבוץ: פרייטאָג־צו־נאַכטס אין קבוץ בית־העמק בין איך געגאַנגען אין זייער קליינער שול אַריין צו קבלת־שבת און דערנאָך אין חדר־האוכל אַריין, וואו אַלע חברים פון קבוץ עסן.

צוערשט האָט אַ בחורה אָנגעצונדן די שבת־ליכט און דערנאָך האָבן חברים מעביר געווען אַ חלק פון דער סדרה. באַלד האָבן מיר אַלע גענומען זינגען דאָס ליד „רבי נחמן פון בראצלאוו‟. אַן אַנדערער חבר האָט גענומען לייענען אַ ליד פון שמעונוביץ — אַ באַקאַנטער דיכטער אין ישראל. דערנאָך האָבן אַלע אויסגערופן בקול־רם: שבת שלום!

דאָס מאָלצייט איז געווען זער געשמאַק.

ראש־השנה און יום־כפור האָבן אַלע חברים געדאַוונט אין זאַאַל פון



דער קינדער־שולע, און אַ חבר פון אַ רעליגיעזן קבוץ איז געווען אַ גוטער חזן.

סוכות איז אין קבוץ געווען גאָר אינטערעסאַנט. מיט דער הילף פון די קינדער האָבן חברים אויפגעשטעלט סוכות; די סאַמע גרעסטע און שענסטע סוכה איז געווען באַשטימט פאַר די קינדער פונם קבוץ. זי איז געווען דעקאָרירט מיט פירות, באוול־פלאַנצן, שישקעס און בלומען. דרינען האָבן די קינדער געטאַנצט און געזונגען לידער.

פאַר מיין אַוועקפאָרן איז אין קבוץ בית־העמק פאָרגעקומען אַ גרויסע און שיינע חתונה פון אַ חבר מיט אַ חברה פון האָלאַנד. די אויפנאַמע איז געווען אין פּרעכטיקן גאָרטן פון קולטור־צענטער. מען האָט געשטעלט די חופה אַרום זעקס אַזייגער אין אָוונט און אַ רב, מיט אַ לאַנגער, פּאַטריאַרכאַלער באָרד האָט זיי חתונה־געמאַכט. די כלה איז געווען זעהר שיין און געקליידט אין ווייסן.

דערנאָך איז געווען די סעודה, אין גרויסן חדר־האוכל און די שמחה — אין זאַאַל פון דער קינדער־שולע. מען האָט געהאַלטן רעדעס, און דער כלהס פאָטער האָט זיך געפילט איבערגליקלעך.

אַ חבר, פרעדי בליץ, האָט זייער פיין געשפּילט פידל און חבר יוריקא האָט אים אַקאָמפּאַנירט אויף דער פּיאַנאָ.

דאָס איז געווען מיין לעצטע און שענסטע עראינערונג פון מיין באַזוך אין קבוץ בית־עמק.

י. ל. פּיין

## צו דער „גאָלדענער״ חתונה פון דאס באליבט פּאר־ל אייזיק און פרוי צביה גאָלדבערג

פופציג מייל־שטיינער האָט איר שוין איבערגעציילט
גייענדיק צוזאַמען אויף אייער לעבנס וועג.
גאַנצע פופציג יאָר האָט איר זיך געטיילט
מיט לייד און פרייד, דורך נעכט און טעג.

אָבער אייער לעבנס וועג איז נאָך ווייט פון פאַרענדיגט;
נאָך אַסך מייל־שטיינער וואַרטן אויף איך געציילט צו ווערן.
גייט ז׳שע ווייטער, האַנט און האַנט, פאַרליבט ווי שטענדיג,
און זאָל פון אייער „גאָלדענע״ חתונה אויך אַ „דימענט״ ווערן.

שמואל וועהייט

## מיין אסתרל

געבענטשט זאָל זיין די שעה פון נגינה,
ווען מלאכים זינגען צו דיר אַלמעכטיגער,
דאַמאָלט וועל איך מיט זיי מיטזינגען דאָס הערליכע געזאַנג;
און ווי משה רבנו ביים ים־סוף וועל איך מיט אים שירה מיטזינגען,
און ווי דוד המלך מיט צימבעל און פלויט וועל איך,

מיך מיט זיינע געזאַנגען באַהעפטן;
און ווי שלומה המלך מיט זיינע שיר־השירים געזאַנגען;
וועל איך מיך ווי די שרון־רויז דופטענד צו עפענען.
קיין דיכטער ווי וואָרדסוואָרטה, קאָלדריזש, טיילאָר,
בייראָן, שעלי און דאַנטע, אויך היינריך היינע
און אַנדערע זיינען ניט בכוח מיינע נשמה עמאָציעס צו שילדערן.
און ווי דער סנה ברענט אָן אויפהער, דאָס פייער וואָס ברענט,
און קען ניט פאַרלאָשן ווערן אַזוי ברענט דער פלאָם אָנאויפהער אין מיר.
און מיינע ליפּן, וועלן דאָס ניט דערזאָגטע אויסהויכן,
וועט עס מיט זעליגקייט דיין נאָמען רופן: „מיין אסתרל“.

א. נ. שטענצל

## נישט דערפאַרן

אין ראָמאַנישן קאַפּע האָט זיך נישט נאָר באַזעצט אַ יידישע קאָלאָניע, נאָר ממש געוואָרן אַ קבוץ־גליות — דאָס פלינקע לויפן טשעריקאָווערס פון טישל צו טישל; יעקב לעשטשינסקיס באַוועגלעכקייט — אָבער נאָך מער דאָס מרה־שחורהדיקע, שווערע זיצן בן־אדירס — אַ מצבה נאָך די פּאָגראָם־קרבנות אין דער אוקראַינע. מען האָט זיך גרופּירט לויט פּאַרטייען . . . ביי יעדן טישל האָט זיך עפּעס געפּלאָנט! שוין געווען אַדרעסן, אפּיסעס . . . דער תושב, אהרן סינגאַלאָווסקי, מיט זיין שאַרפן התוך־הדיבור, האָט ביי צוויי צונויפגערוקטע טישלעך געפירט „פּאַרלאָמענטאַרישע“־זיצונגען.

אין אַ ווינקל, אין זיין פעלערינע איינגעהילט, ביי אַ טעפּעלע קאַווע אַלאַ טערקיש, קנעלט דאוויד טריטש זיין „ציפערן־סיני־פּלאַן“ מיט שמריהו גאָרעלקין; זיין צוגעשפּיצט, צוגעשוירן בערדל האַלט אַלץ אין איין באַווייזן און גאָרעליק האַלט אין איין גלעטן זיין צעשויבערטע באָרד און טרינקט צו בניחותא זיין וואַרעם גלאָז מילך און „אייגנט“ זיך צו אַ ניי דייטש וואָרט . . .

פּונקט צו דער באַשטימטער מינוט באַווייזן זיך „די ענציקלאָפּעדיסטן“ און ד״ר קלאַצקינס פילאָזאָפישער קאָפּ, וואָס הייבט זיך שוין אָן צו פליכען, באַשיינט מיט זיין אַלץ־גרעסער־ווערנדיקן שטערן זיין פלעיאַדע, וואָס רינגלט אים אַרום ווי סאָקראַטעסן בשעתו.

אַמאָל באַווייזט זיך אויך ביאַליק, אָבער נאָר אַמאָל, ווייל ער איז שוין „איינגעשפּאַנט אין די האַלאַבלעס“ — ער „רייזט“ ווי אַ שליח . . .

שפּעטלעך, שוין פון אַ „געמיינדע“־זיצונג, מיט זיין ברייטלעכן גאַנג, ווי די גאַנצע בערלינער יידישע קהלה וואָלט אַריינגעקומען, לאָזט זיך אַריין ד״ר וויזשניצער און זוכט דאָס קינסטלער־טישל, וואו זיין פרוי, אַ פאַרליבטע אין אַלט־יידישער קונסט, זיצט אין קרייז פון צעפלאָמטע קינסטלער און פלאַנט די צווילינג־זשורנאַלן, „רמון“ און „מילגרוים“, גלייכצייטיק איןביידע לשונות און גיט שוין פאָרויס אָן אַדערויף פאַר אַ לידל, פאַר אַ צייכענונג.

אין איין טאָג פאָרט אָן פּרץ מאַרקיש אויף באַזוך פון וואַרשע און ביי



די „כודאזשניקעס“ גייט אַדורך אַ שטורעם, די קינסטלער־קעפּ צעוויגן זיך און ביי אונזער טישל הייבט קולבאַק אָנצו ריידן פון אַהיימפאָרן אין זיין ווילנע . . . און זיין פּאַטלע האָר פאַלט אים איבער די אויגן . . .

מיט לאַצקי־בערטאָלדיס אָנקומען ווערט ענג אין קאַפּע און אַ „מאַסן“־פאַרזאַמלונג ווערט איינגעאָרדנט אין מזרח־געגנט פון בערלין: „מ׳מוז זאַמלען אַרום זיך ס׳פאָלק!“

דער זאַאַל איז פול געפּאַקט. אויבן אויף דער פּלאַטפאָרמע האַלט לאַצקי־בערטאָלדי זיין יידישלעך־צעשטורמטן רעפעראַט און הינטן ביי דער טיר רייסט מאַרקיש מיט זיין מעלאָדיש־קלינגענדיק קול די „מאַסע“ צו זיך. ס׳ווערט אַ טומל, אַ רעש און מאַרקיש פאַלט אַוועק מיט אַ האַרץ־אַטאַק — בערלין ווערט אַ שטאָט: . . .

די דאָזיקע נאַכט, דירעקט פון דער פאַרזאַמלונג, בין איך שוין אַוועק מיט וועווטשען. ער, זעענדיק אַזאַ יידישלעכן עולם, האָט באַקומען אַ פולן קאָפּ מיט פּלענער. די אַמאָליקע אידעע פונם דאָרטמונדער זשורנאַל איז אַרויפגעשוואומען מיטן גאַנצן שטורעם — די ציגאַרעטלעך האָבן זיך געצונדן איינס נאָכן אַנדערן און די מונדשטיקלעך געשפּיגן מיט אַ שפּריץ:

„אַן אַדרעס איז דאָ, אַ רעדאַקציע איז דאָ, מיינסט, אַז אין דער היים איז אַמאָל אַנדערש געווען?“

צומאָרגנס, אַן אויסגעשלאָפענער מיט אַ פולן קאָפּ מיט וויעוויאַרקעס פּלענער און מיט נאָך אַ פולערן בויך מיט גיטעלעס באַטאַמטע אַרבעס־זופּן, האָב איך מיך געלאָזט אין ראָמאַנישן קאַפּע אַריין, שוין כמעט ווי אַ פאַלנער מיט־רעדאַקטאָר, צו טאַפּן דעם דופּק מכוח מיטאַרבעטער פאַר דעם שוין אַלטן, געפּלאַנטן ליטעראַרישן זשורנאַל.

עס איז נאָך געווען העלער טאָג, דאָס קאַפּע האַלב ליידיק, אָבער די לעמפּ האָבן שוין גרעל געברענט ווי פאַר אַ גאַלאַ־פאָרשטעלונג.

פון הינטן אויף דער רויטער, פּליושענער באַנק, אונטערן ברייטן, ליכטיקן שפּיגל, הערט זיך אַן אַמפּערניש, אַ גערודער. עס שאַלט אַרויס שניאורס סאָפּראַן און באַלד דערנאָך אַ געדעפּט בייז קול, אַן איינגעהאַלטענס. עס ווערט דערשראָקן שטיל. די לעמפּ האָבן ווי אויפגעציטערט.

פון שפּיגל קוקן אַרויס נייגעריקע פּנימער, ווי זיי וואָלטן געזוכט וועמענען מיט זייערע שפּיציק־צעגלאַנצטע אויגן. —

הינטן אויף דער פּליושענער באַנק אונטערן שפּיגל זיצן דריי יידן, צוויי צעקאָכטע, כאָטש צו פאַלן זיך ווי די הענער אין די נעזער אַריין — אַ גאָרשט באַנקנאָטן וואַלגערט זיך ביי זייערע פיס! דער דריטער, אַ קליינער, אַ בלאַסער — אַן איינגעשרומפּנס, אַ פאַרשעמטס, בייגט ער שנעל אַראָפּ ס׳קעפּל אויפצופּיקן דעם צעשאָטענעם גאָרשט אײדער די קעפּ פונם שפּיגל בייגן זיך אַראָפּ און דערזעען אים . . .

דאָס קאַפּע איז האַלב ליידיק, ס׳איז די פריע שעה, ווען די אַלטע „שטאַמגעסט“ פון פריערדיקן „קאַפּע דעס וועסטן“ זיצן דאָ געמיטלעך ביי

אַ טאַסע קאַפע, ביי אַ שוימיקן קופעל ביר אײדער מ׳גייט אין טעאַטער אַריין אָדער צו אַ קאָנצערט.

אַ ווײלע שפּעטער קומט נאָמבערג צו, אײנגאַנצן אַ צעבראָכענער ווי ער וואָלט אַדורכגעגאַנגען צווישן די רייען טישלעך אונטער „שפּיז־רוטן“. ביי קולבאַקן, אײנגעשטאָכן די אויגן אין טעפּל קאַווע, שטאַרטשען די קינבאַקן נאָך שפּיציקער. איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער און געקוקט אין גרעל־צעגלאַנצטן שפּיגל אַריין אויף די נײגיריקע אויגן ווי זיי וואָלטן געזוכט וועמענען, אַ פאַרשוואונדענעם . . .

„אַקוראַט פאַרדינט אַ בוררותל“, האָט נאָמבערג געזאָגט ווי פאַרשעמט פון דעם, וואָס אַקאָרשט געשען אָדער פון דעם, וואָס ער טוט איצט, שטופנ־די צעקנייטשטע באַנקנאָטן אונטערן אַשטעצל.

„כ׳מוז צוריקגיין“ . . . אויף זיינע פאַרשנירלטע ליפּן קרייזלט זיך אַ הלצהלע, אָבער ער פאַרבייסט זיי.

קולבאַק האָט אויסגעלאָזט דעם כעס צו מיר: כ׳האָב שוין גענוג, ס׳מעסטל איז שוין פול! גראַטשעט צוזאַם ס׳ביסל פּאַפּירלעך און קומט אַריבער צו דער באַן־קאַסע. מ׳וועט קויפן אַ בילעט מיטן שנעל־צוג — וואָס שנעלער, וואָס גיכער! — און ס׳איבעריקע לייגט אין טאַש אַריין“.

טאַקע פון אָט דעם איבערבלייבעכטס, פון „בוררותל“ בין איך מיטגעגאַנגען שפּעט אין דער נאַכט מיט אײנעם אין אַ פּאַנסיאָן אַריין, וואו ס׳איז דאָ אַ לײדיק צימער און מיט אײנמעלדן איז מען אויך נישט דאָרט מחמיר . . . און צומאָרגנס האָט מען „באַגאַסן“ די נײע שטוב מיט אַ „ברוך הבא־באַנקעט“ לכבוד מאַרקישן.

איך האָב אין דער שטיל געוואוסט, אַז ס׳איז אויך שוין דער לך לשלום פאַר קולבאַקן. אָבער דער עיקר איז עס געווען ביי מיר כדי אַביסל אויפצוהייטערן די לאַסקער־שילער פאַר איר אַוועקפאָרן אין דער שווייץ אַריין צו איר קראַנק־געוואָרענעם אײנציקן זון, וואָס ליגט איצט דאָרטן, אַ טובערקאַלאָזער, אין אַ סאַנאַטאָריום.

דאָס קערמעשל איז געוואָרן אַזוי בגילופינדיק, אַז מ׳האָט געטאַנצט אַ קאַזאַטשאָק אויפן שרייבטיש אין די שקאַרפּעטקעס און מ׳האָט שיער נישט ווידער געדאַרפט לויפן נאָך אַ דאָקטאָר צו מאַרקישעס אַוועקגעפאַלן האַרץ.

ווי לאַנג קאָן מען שוין לעבן פון אַ בוררותל און פון אַ צופעליק האָנאָראַרל אין אַ פּאַנסיאָן, וואו מ׳איז נישט מחמיר מיטן אײנמעלדן, אַז מ׳האָט נישט די אַמעריקאַנער דאָלאַרן?

אָבער ס׳איז נישט געווען נאָר דאָס!

נאָמבערג איז אַוועקגעפאָרן, קולבאַקן האָב איך זייט דעמלט אויך מער נישט געזען. פון דער לאַסקער־שילער איז אָנגעקומען יעדן טאָג אַ פּאָר קאַרטלעך, אײנס טרויעריקער און נערוועזער פון אַנדערן. אַדלער איז פון זיין היים, און עסן נישט צוריקגעקומען.

און צו וואָס זאָל ישראל גלאַטשטיין אַראָפּקומען פּיפּקען איראָניש זיין פּיי־



קעלע? אַז ס׳איז דאָ אַ דריטער ביים טיש און זיי אַמפּערן זיך, דרייט ער ס׳פּאַקלדיקע פּייקעלע פון איין זייט גאַמבע צו דער צווייטער און פּיפּקעט צו, אָבער אַזוי זיצן מיט אײנעם ביים טישל און מיט פאַרויכערטע אײגעלעך שווייגן?

האָב איך מיך אַראָפּגעלאָזט צו די וויעוויאַרקעס אין אָנגערויכערטן קעלער אַריין. באין ברירה געוואָרן אַ פערטטע האַנט און בין פּרשה לפּרשה מיך צוגעהערט ווי וועטשע פלאַנט דעם ליטעראַרישן זשורנאַל, און ער צאַרשפּריצט דערוויל די גאַנצע ליימענע פּאַדלאָגע מיט מונדשטיקלעך פון ציגאַרעטלעך. גיטעלעס געזאַנג האָט אָנגעפילט די קעלער־שטוב.

אין אײנעם אַ פאַרטאָג, אָפּזיצנדיק אין דער ספּרוזשינע־צעבויגענער „פאָטערשטול“ אַ גאַנצע נאַכט, האָב איך מיך אויפגעכאַפּט מיט אַ צעבראָכענעם רוקן, אַ נישט־דערשלאָפענער, און אַריין אַ נישט־געוואַשענער אין אַ רעסטאָראַנדל צו כאַפּן עפּעס וואַרעמס, צו כאַפּן אַ דושים . . . בכל־אופן אויסצוגלייכן אַביסל די פּלייצעס!

ס׳איז געווען נאָך צו פרי, אַז ס׳זאָל שוין דאָרטן ווער זיין. אָבער דאָך ביי מיין אַרײנקומען איז שוין געזעסן אַ בחור און זיינע היימישע אויגן האָבן זיך דערפריידט צו זען וועמען. איך האָב מיך געזעצט ווי אײנער וואָס קומט צו דער דערוואַרטערטע מינוט, ווען אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן.—

ער קומט פון רוהר געביט, פון געלזן־קירכן, ער אַרבעט אין אַ קוילן־גרובן. די יידישע אַרבעטער זענען זיך טאַקע צעקראָכן, קיין פראַנקרייך, קיין בעלגיע, אין די דאָרטיקע קאָפּאַלניעס, „די מערסטע“, צעלאַכט ער זיך, „דאָ אויף די מערק!“ אָבער דאָך איז נאָך געבליבן אַ שפּאַר ביסל און האַלט זיך צוזאַם — „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַרייניקט אייך.

מ׳האָט אַ שטיקל ביבליאָטעק, אַ שטיקל כאָר און אַן אַמאַטאָרן־גרופּע. די בונדישע צייטונג קומט פון וואַרשע, די פּועלי־ציוניסטישע הייבט אָן דאָ איצט אַרויסצוגיין . . .

און נאָך אײדער איך וויל אים זאָגן, אַז אין לעצטן נומער האָב איך געהאַט אַ ליד, נעמט ער שוין אייליק דערציילן פון אַן „איוב“־ליד, וואָס ער האָט דערין געלייענט; און מאַנכע שירות דערפון רייסן זיך אים בשעת ער קלאַפּט מיטן האַמער אין דער קוילן־וואַנט.

ער האָט עס זער אייליק. צווישן איין שיכט און אַ צווייטער האָט ער אַהערגעאײלט אויף אַ זיצונג פון פאַרטיי־קאָמיטעט.

איך שטעל מיך מיט אויף: „נאָר אַ פראַגע צי קאָן איך דאָרט אין די גרובנס קריגן אַרבעט און זיך אײנמעלדן?“

און שוין גייענדיק, מיט אַן אויסגעדרייט פּנים, חבריש און פריילעך: „אַז מ׳איז אויפן פּלאַץ קאָן מען אַלץ!“

איך האָב וואַרשע נישט געקענט, ווילנע אודאי נישט, אָבער ווען קולבאַק האָט גערעדט פון זיין ווילנע, פון די האַרעפּאַשניקעס אין די ליקלעך; ווען מאַרקיש האָט זיך באַגייסטערט מיט די יידישע פּראָלעטאַריער פון די וואַרשעווער געסלעך. — —

דער בחור, וואָס איז אקארשט דאָ געזעסן, איז עפּעס ווי אַ שליח פון דאָרט . . . ווי אַן אליהו הנביא . . . און אפשר חלום איך גאָר ...... כ׳זיץ נאָך אויף דער „בראַך־שטול" אין קעלער ? איך טאַפּ אין דער הויזן־קעשענע די געלד־פּאַפּירלעך . . . ס׳זענען די לעצטע ! ס׳וועט אפשר גראד נאָך סטאַיען אויף אַ באַן־בילעט. — — —

ווי נאָר איך בין אַריין אין צוג, האָט מיך אַרומגענומען אַ היימישקייט . . . איך פאָר אַהיים, קיין זאַגלעמביע, קיין טשעלאַדזש, אויף דער „סאַטורניע" . . .

פעלד ? ערד ? דאָס איז אויבערפלעכלעך, אַ בלומעלע, אַ פייגעלע — „אין דער סאכע ליגט מזל ברכה :" דער פולער „זאשעק" . . . אוממיטלבאר אין דער טיפעניש מיך באַגראָבן און דערגראָבן — לעבן אָדער טויט !

און מיטן האַרטן ריטם פון די נישט־געשמירטע רעדער האָב איך שוין געפילט ווי כ׳קלאַפּ מיטן האַמער אין דער קוילן־וואַנט, פייערדיקע אותיות שפּריצן מיר פון די אויגן . . . ס׳איז נישט דער בארג מיאל אין דער היים אין קוילן־סקלאַד, דאָס „נס" אין די מלחמה־יאָרן . . . כ׳בין אַ האַרעפּאַשניק, אַ פּראָלעטאַריער ; מיט־באַטייליקטער אין דער פּראַצע פון דער שווער־פּראָדוקציע — — — כ׳בין איינער מיט אַלע — „צוזאַם" ! „אַלע מענטשן ווערן ברידער" : נישט דער צוג לויפט אויף די נישט־געשמירטע רעדער, נאָר מיין קאָפּ גייט אויף רעדער. אַ גאַנץ אַנדערער ריטם, אַ שווערער, אַ האַמעטנער ; נישט נאָר מיין אויפגערעגטע פאַנטאַזיע — מיינע נערוועזע פינגער אַרבעטן שוין מיט ! איך הער מיך צו, איך צייל . . . עס רייסט זיך איבער — — איך דערפיל ווי דער אַקייגנאיבער מיר זיצנדיקער באַאבאַכט מיך, „שטודירט" מיך . . . אונזערע אויגן באַגעגענען זיך.

„זינט זי איין מוזיקער ?"

„ניין, איך האָב אַ פריינט אַ מוזיקער".

פון אונזער שמועס דערוויסט ער זיך וואהין איך פאָר און נאָך וואָס איך פאָר. האָט ער זיך צעלאַכט אויפן קול, אַז די פּאַסאַזשירן אין קופּע האָבן זיך אומגעקוקט.

„אונד מיט די קלאַרנעטן־פינגער ?" האָט ער שוין שטיל צו מיר געלאַכט : „פּאַרוקט", „אַבסורד, דאָס איזט זעלבסטמאָרד !"

זיין „אבסאלוטקייט" און זיין פריינטלעכקייט האָבן מיך איבערציגט און איך בין שוין, אויפן האַלב וועג, אין האַנאָווער, מיט אים אויסגעשטיגן.

## אלדד הדני (באַלאַדע)

וויאַזוי צוקומען צו די רויטע יידעלעך,
דער סמבטיון וואַרפט זיך דאָך גאַנצע וואָך מיט שטיינער ?
און שבת־קודש ? אויב קיין ערוב נישט געלייגט איז,
פון אונז צו זיי, פון זיי צו אונז, קומען קאָן קיינער.
אָבער דאָך איז עמעצן אַמאָל דאָך געלונגען,
סמבטיון מיט איין שפרונג אַריבערגעשפּרונגען.



די אוצרות וואָס ער האָט דאָרטן דערזען, דאָס רייכקייט,
גאַנצע טעג גילדענע רענדלעך מ׳האַלט אין איין ציילן !
ערשט פון די חכמים זייערע, די גבורים — —
מעשות־נפלאות גאַנצע טעג צו דערציילן.
אויף שבעים לשונות ריידן שוין קליינע קינדער,
קיין חולה אין לאַנד, קיין לאָמער, קיין בלינדער.

אָבער דאָך ווער ס׳ווערט געבוירן מוז דאָך אויך שטאַרבן,
אויב נישט אין דער מדינה ס׳לעבן ענג וואָלט געוואָרן ;
איז דער מנהג יעדן טאָג ווערט אַ קינד געבוירן,
און שטאַרבן שטאַרבט אַ זקן שווער באַיאָרט מיט יאָרן.
אַז אויף ביימער טויבן זיך בראָטן, ס׳וואַקסן קליידער,
זיינען די טעג, די וואָכן יום־טובים כסדר.

דער רויך אין די גאַסן, דאָס געגיי, דאָס שפּאַצירן !
ס׳רוישן די טראָטואַרן מיט אַטלעס און זיידן,
עס קלינגען די ייִנגען מיט כלי־זיין באַהאַנגען,
אין גילדענע צירינג שטראַלן ליכטיקע מיידן.
גייט ער אַזוי קומט אַ גרויסע מחנה אַקייגן,
אבלדיק, מרה־שחורהדיק — אַ טרויריק שווייגן.

איז ער זיכער מ׳פירט אַ טויטן צו קבורה,
לאָזט זיך גאָר אויס אַ קינד ביי אַ מאַמע געבוירן,
און די גאַנצע משפחה פון דער קינפּעטאָרן,
קלאָגט ביטער און יאָמערט, האַלט אין איין באַדויערן :
ווער ווייסט צי ס׳קינד וועט אויסהאַלטן אַ ייד צו בלייבן,
אין אַ לאַנד ווו מ׳האַלט רק אין איין אוצרות קלייבן.

דויערט נישט לאַנג קומט אַ חברה לוסטיק און פריילעך,
מיט פויקן, מיט פידלען, מיט צימבלען און מיט פלייטן,
און זיי טאַנצן און שפּרינגען און לאַכן און זינגען,
און זע, אַ טויטן צו קבורה גאָר זיי באַגלייטן :
„ווילאַנג די אויגן זיינע זיינען געווען אָפן,
אין גאָט איין איינציקן געטון טאָן האָט ער האָפן".

געווען דאָרטן געבליבן : יאָ גלייבן, נישט גלייבן,
אבי גילנדנע רענדלעך אַ גאַנץ לעבן געקליבן !
בלויז אַז נישט דאָרט געבוירן, נישט געקענט דאָרט שטאַרבן —
איז אים נישט עפּעס אַנדערש איבעריק געבליבן,
ווי אין אַ שבת ווען אַלע אין דער שול זענען,
סמבטיון־טייך צוריק איבערשווימען צו קענען.

דעם חזנס געזאַנגען, זמרות־זיסע נגונים,
פון די ווייבער־שאַלן די וווּנדערלעכע פֿאַרבן — —
אויסצוגיין פון תענוג ממש אַ פֿאַרגעניגן!
און דאָ שטייט ער פרעמדער, קען צומאָל נישט שטאַרבן.
און ווען דער עולם איז שמונה־עשרה געשטאַנען,
פערשטאַנען: בעסטע צייט איצט פֿאַרשווינדן פון דאַנען —

*　*　*

ווען נישט אלדד הדני, וואָלטן מיר דען געוווּסט,
אַז אַ סמבטיון, רויטע יידעלעך פֿאַראַנען?
ווען נישט אלדד הדני, וואָלטן מיר דען געוווּסט,
שוין טויזנט יאָר און נאָך מערער שוין ס׳איז פֿאַרגאַנגען,
און מעשות־נפלאות פון זיי מען טוט דערציילן,
און זייערע רענדלעך מען האַלט נאָך אין איין ציילן.

## די לבנה און דער פאעט

(פריל׳נג באַלאַד 1969)

ווי אַמאָל אין אַלטע גוטע צייטן,
פון וועלט, פון מענטשן פֿאַרגעסן,
אין אַ פֿאַרטראַכטע פֿאַרשמאַכטע נאַכט,
פֿאַרחלומט אויף פֿאַרק־באַנק געזעסן.

ווינק נישט צו אים מיט איין אויג די ווענוס,
ווי זי וואָלט וועלן שטילינק זאָגן:
„גיך, כאַפּ דיך אַרויף און קום צו מיר ,זע,
גרייט שטייט געשפּאַנט דער הימל־וואָגן“.

אַ פראַגע עפּעס, צי ער איז גרייט שוין?!
זיכער וואָלט ער אַרויפגעשפּרינגען:
דער שטויב אונטער די רעדער אין מילך־וועג,
און צום בייטש געקנאַל זיין צוזינגען.

נאָר דורך די גרינע צווייגן קוקט לבנה,
עפּעס מרה־שחורהדיק פֿאַרלעגן;
הייבט ער ליבלעך די אויגן צו איר אויף,
בלויז נאָר איידער ער קאָן זי פרעגן,

הייבט זי אַליין אָן סמוטנע צו ריידן,
טיף טרויעריק פון שווערן האַרצן:
„ווי דאָס פּנים פון דער פינסטערער ערד,
זיי וועלן מיינס אַצינד פֿאַרשוואַרצן.



„אין ליבע, אין גוטסקייט, אין האַרציקייט —
פון דער ווייטן, פון הויך דאָ אויבן!
אָבער פון דער נאָענט פּנים־לפנים,
צי קאָן ווער וועמען דען גלויבן“?

ר׳וויל זי טרייסטן, אַ ליבלעך וואָרט זאָגן
„קאָן מען דען דעם אמת אויסמיידן?“
אונטער אַ וואָלקן זי איז פֿאַרשוווּנדן,
נאָך איידער געגומען ר׳האָט ריידן.

איר שוואַרצע שלעפּ, שלעפּט זיך פינסטערע נאַכט —
וועמ ווייסט ווו לבנה ווו פֿאַרשוווּנדן?
בלייבט ער זיצן ביז די זון וועט אויפגיין,
רויט פֿאַרבלוטיקט פון זיינע וווּנדן.

אַ ווינטל ווייַנט סמוטנע צווישן געצווייג,
די בלעטלעך רוישן מאָרע זיידן,
און די שטערן קוקן אָנגעברוגזט —
אויגן פון פֿאַרזעסענע מיידן.

## פארעלטערונג-געזעץ-יאר

מען זאָל אים נישט דערקענען,
באַשטראָפן פאַר גענאָסיד,
זיין נאָז געלאָזן צושניידן,
אויסזען אַ ריכטיקער ייד.

ליותר תוקף ועוז,
ווי קונציק זיך נישט פֿאַרשטעלט,
אַז לגמרי קיין חשד פאַלט,
נעמט ער אויך שילומים־געלד.

געוואָרן אַ פאַלנער ייד,
אַז פעלן עס זאָל אַ האָר!
קומט צו זיין שלימזל אָן,
ס׳פֿאַרעלטערונג־געזעץ“ יאָר.

מילא די נאָז יאַק די נאָז
אָבער דאָס געלד דאָך אַ שאָד!
זיצט ער מיט אַ נאָז — „אַזוי
פירט מען אַ גוי אין באָד“.

„אַ באָד“? אַ שרעק פאַלט אויף אים,
און ער בלייבט צום צייכן שטיין:
נאַקעט מ׳מוז זיך דאָך אויסטון,
אין באָד קענען אַריינגיין.

ר׳האָט זיך טאַקע באַשניטן,
אָבער וואָס העלפט עס דען דאָס,
אַז געוועזן עס איז גאָר,
זיין אַריש־גויאישע נאָז.

ער גלאָצט נאַריש — אַ טכויער,
אַ געפאַנגענער אין נעץ:
אַז וואָס נוצט אים די זייף איצט,
געמאַכט פון יידישן פעץ?

זיצט ער דער שמוציקער דייטש,
צווישן אונז, און גאַנצע ערד,
פון זיין ברודיקן געשטאַנק,
פֿאַרשטונקן פֿאַרעפּושט ווערט.

אַזאַ מאוסער ריח־גערוך,
מיילן ווייט פון אים זיך הערט —
מיט די דייטשע ביס־מאַרקן,
צו סמאַרקן, ער נישט אויפהערט.

## ישראל 21 יאר

ניט ווערטער, ניט טענות,
ניט טרויער געזאַנגען,
צו פיל שוין גערעדט,
און געוויינט לאַנגער צייט,
אַצינד דאַרפן מיר מעשים
גבורים און העלדן,
וואָס זיינען צו קעמפפן,
און שטאַרבן באַרייט.

דער טאָג איז געקומען,
פון דורות געבייגקטער,
די טויערן געעפנט,
פאַר יונג און פאַר אַלט.

ישראל דאַרף יידן,
וואָס שאַפן און בויען,
דאָס פאָלק צו באַפרייען,
פון איר גלות געשטאַלט.

ישראל דאַרף אידן,
זי קען לאַנג ניט וואַרטן,
דער שונא איז מעכטיק,
דער שונא איז שלעכט,
אויב מיר וועלן ניט האַלטן,
וואָס מיר האָבן דערוואָרבן,
צו האָפן פאַר שפּעטער,
מיר פאַרלירן דאָס רעכט.

---

יידישער וועלט־קאָנגרעס (יידישער קאָמיטעט) און יידישער זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאַריין

---

## טרויער אקאדעמיע צום אנדענק פון שמואל י. הארענדארף ז״ל ד״ר ל. זעלמאנאוויטש ז״ל

**זונטיק, דעם 15־טן יוני, 1969, פונקט 3 א זייגער**

**אין**

**21 DEAN STREET, LONDON, W.1**

**רעדנער:**

שמואל גאלדשמידט ד״ר ע. מאדאנעס
מאיר צעלניקער

יוליאן גאלד וועט פארליינען פון דער פיעסע
„דער קעניג פון לאמפעדוסע״ פון ש. י. הארענדארף
דער באַרימטער דיכטער פון ישראל אריה שמרי וועט זיין אויף דער פאַרזאַמלונג.

פארזיצער: יוסף פרענקעל

---

איינטריט פריי קומט אין צייט

---

דער שרייבער משה בעקערמאן איז געוואָרן אַ בן שמונים מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך געזונטע און גוטע יאָרן — עד מאה ועשרים.

אייזיק גאָלדבערג און פרוי אַ האַרציקן מזל טוב צו זייער גאָלדענער חתונה — אי״ה, די דימאַנטענע!

„פריינט פון יידיש לשון״

---



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 7 (העפט 451) דרייסיקטע יאר יולי 1969, לאנדאן

א י נ ה א ל ט:

| | | |
|---|---|---|
| איכה, גאלדע מאיר, ירושלים | ** | 3 |
| דער לעצטער פעלץ (דערציילונג) | יוסף ה. באסט | 5 |
| אסיסי (פאעמע) | יוסף לעפטוויטש | 8 |
| דער אידעאל פון תורת משה (עסיי) | י. ריכטיגער | 8 |
| פופציק יאר (ליד) | אייזיק גאלדבערג | 12 |
| יום־העצמאות | ח. נ. בענקאוויטש | 12 |
| תמוז־טאג, זיך ארויסגעפלאנטערט (ליד און פראזע) | א. נ. שטענצל | 13 |

---

## קדוש לבנה מנחם-אב תשכ״ט

האבן נישט מאמעס אונז שוין צוגעזאגט,
ס׳שטערצל פון הימל אראפצוברענגען?
נישט ראקעטס, נישט טעלערס טויט־באצילן,
איבער מענטשלעכע קעפ לבנה הענגען.

נישט איבער־מענטש איינער איבער צווייטן,
אלץ וואס געחלומט, וואס מוחות דערגרייכן —
„כשם שאני רוקד כנגדך״,
ווי גאט, מיט ראקעטס הערשן פון די הייכן?

„שלום עליכם, עליכם שלום״!
קדוש־לבנה אותיות געשריבן ווערטער,
אז קיין פגם ס׳זאל חלילה נישט געשען,
די ערד — א טעלער אן איבערגעקערטער.

---

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל
פרייז 2 שילינג
אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*